# פעלץ=ווארען=לאגער „KAMCZATKA"
## לאדז, 19 פיעטריקאווער 19, טעל. 224=66 און 162=23
עמפפעהלט דעם רייכסטן אויסוואהל פעלץ-ווארען צו ערמעסיגטע פרייזן
בעמערקונג: קירזשנער= און שניידער=ווערקשטעל אויפ'ן ארט.

# היגיענישע מקוה
## ביי „אגודת ישראל"
### אין לאדז, גדאנסקא 75, טעל. 107=36.
כדי נאכצוקומען דעם וואונש פון דער לאדזער יודישער בעפעלקערונג האט די פערוואלטונג בעשלאסען צוליב'ן עקאנאמישען קריזיס פון 1=טען נאוועמבער 1931 פרשת חי' שרה

## רעדוצירען די פרייזען
פון דער ניי=רעמאנטירטער, מאדערנער און היגיענישער מקוה, וואס איז די איינציגע אין פוילען, וועלכע וועט געבען די מעגליכקייט דער אלגעמיינער יודישער בעפעלקערונג צו קענען פון איהר געניסען.

די פרייזען זענען פאלגענדע:

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| א לוקסוס=נומער | פריהער | 10.— זל. | יעצט | 6.— זל. | | |
| 1=טע קלאס | " | 6.— | " | " | 4.— | " |

(פאר יעדער פערזאן ווערט געמאכט אנ'עקסטרא מקוה)

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אולגאווע 1 קלאס | " | 4.— | " | " | 3— | " |
| א וואנע | " | 2.— | " | " | 1.25 | " |
| 2=טע קלאס | " | 3.— | " | " | 2.— | " |
| 3=טע קלאס | " | 1.50 | " | " | 1.— | " |

די פרייזען זענען גילטיג פון 2 נאכמיטאג ביז 11 א זייגער אוועגד
## נור פאר פרויען.
די פערוואלטונג.

בעמערקונג: די מקוה איז פערזעהען מיט צענטראל-בעהייצונג און ווענטילאטארס איז אלע נומערן. נייע קאפלאנע וואנעס, טושען און אנדערע מאדערנע און היגיענישע איינריכטונגען. מען בעקומט אויך וועש, זייף א. ד. גל. פינקטליכע און העפליכע בעדינונג.

3 נאוואמיעסקא — 3 נאוואמיעסקא
## טוך און קארט=געשעפט
# Herman Włoski
לאדז, נאוואמיעסקא 3 טעל. 114=92, פראנט 2=טער שטאק
עמפפעהלט צום איצטיגען הערבסט און ווינטער סעזאן דעם רייכסטען אויסוואהל פון די נייעסטע
## דאמען= און הערען=שטאפען
ווי: לאדזיר, טאמאשאווער, ביליצער, לעאנארד'ס און או"סל. אויסארבייטונגען
בעסטע קוואליטעט / נייעסטע מאדע / פאבריקס=פרייזען / הרט און דעטייל
געדענקט די אדרעס! געדענקט די אדרעס!

נאך קורצע שווערע ליידען איז געשטארבען אונזער הייסגעליבטער מאן, פאטער און זיידע
נ"ע
# הערשל יעדוואב
### אין עלטער פון 61 יאהר
די לויה קומט פאר היינט פרייטאג, דעם 30 אקטאבער פינקטליך 12 פארמ. פון טרויער-הויז (6-שערפיע גאס 36) וועגן וואס עס טיילן מיט אין ירוים צער
די טיפבעטריבטע פרוי, טעכטער, איידימס און אייניקלעך

Samochody
i motocykle używane.
Kupno, sprzedaż, komis,
zamiana.
Auto-Agencja
Gdańska 82 tel. 189 28

נאך לאנגע שווערע ליידען איז דאנערשטאג דעם 29 אקטאבער 1931 געשטארבען אין בליהענדען עלטער פון 26 יאהר מיין ליבער זוהן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער ברודער, שוואגער, אנקעל און חתן
נ"ע
# ברוך העלמאן
ב"ר נחום ז"ל
(צאהן=טעכניקער)
די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, דעם 30 אקטאבער 1931, 12 א זייגער בייטאג פון מהרת-הויז, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער
די טיפטרויערענדע הינטערבליבענע

אין טיפען צער טיילען מיר מיט אלע אונזערע חברים וועגען דער שווערער ב"ה כיס'ן טויט פון אונזער פראיינס-מיטגליד
# הערש יעדוואב
## פערוואלטונג
פון יודישען ארטיסטען פעראיין אין פוילען
הויפט צענטראלע ווארשא

צוזאמען מיט דער גאנצער יודישער טעאטער משפחה בעוויינען מיר דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער חבר און פריינד
# הערש יעדוואב
די לויה קומט פאר היינט פרייטאג 12 פ"יה פון זיין וואוינונג. אלע חברים ווערען געבעטען פינקטליך האלב 12 צו פערזאמלען זיך אין זיין וואוינונג אבצוגעבען איהם זיין לעצטען כבוד.
## יודישע ארטיסטען
פון דער שטאט לאדז

## ציוניסטישע ארגאניזאציע אין לאדז
זונטאג, דעם 1 נאוועמבער 5 א זייגער נאכמיטאג, קומט פאר אין אייגענעם לאקאל (שרודמיעסקא 29) די
# אלגעמיינע פערזאמלונג
פון די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע
מיט פאלגענדע טאג-ארדנונג:
1) ערעפנונג 2) וואהלען פון א פרעזידיום. 3) בעריכט פון ציוניסטישען קאמיטעט, 4) בעריכט פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע, 5) דיסקוסיע, 6) וואהלען פון ציוניסטישען קאמיטעט, רעוויזיאנס-קאמיסיע און עהרען-געריכט, 7) פערשידענעס.
איינגאנג נאך לויט איינלאדונגען

## האוניברסיטה העממית
ע"י ההכת רות הציונית בלודז
מחר, בשבת, 31/10 בשעה 7 בערב
באולם ההסתדרות הציונית, שרודמייסקא 29
# הרצאה עברית
על הנושא „התנועה המשיחית, חובבי ציון והציונות"
המרצה ה"ש. ימואלי

## בית הכנסת
# „אהל יעקב"
לרגלי יום השני לנובמבר, יום שבו נתנה ההצהרה הידועה בשם „הצהרת בלפור" תערך מחר בשבת פ' וירא
## תפלה חגיגית
בנאום של נשיא ההסתדרות הציונית בעירנו הד"ר. י. ראזענבלאט התחלת התפלה בחצי העשירית בבוקר.
הועד

# Podziękowanie
Niniejszym Wyrażamy swoje Podziękowanie
p. ADWOKATOWI
## Zygmuntowi Albrechtowi
za skuteczną obronę zawikłanej sprawy niesłusznego oskarzenia, która się toczyła przeciwko
### F-mie MAKOWSKI i SOUR
Piotrkowska 66, i dzięki świetnej Jego obronie, została sprawa wygrana. z poważaniem
F-ma A. KLAJNMAN
Piotrkowska 31

מארגען, שבת, 6 אוו. קומט פאר אין זגערזש אין זאל פון „השומר" די גרויסע אינטערעסאנטע
## פארלעזונג
פון בעקאנטען שריפטשטעלער
# ב. (דוב) אויערבאך

# Dr. Mortkowicz
## Śródmiejska 19
(Dawniej Cegielniana 14)
**przymuje od 5—7**
Telef. 123-27.

## קויפט נור ביי דער ערשטער האנד!
# יין כשר וטוב!
## 1/4 ליטער נור 63 גראשען
פון דער אלטער בעוואוסטער פירמע
# „בארוויך"
אינה.: מענדיל בארנשטיין, לאדז
נאוואמיעסקא 30, טעל. 210=58
גרויסער אויסוואהל פון וויינען, ליקערן און בראנפען'ס.
ביליגע פרייזען. סאלידע בעהאנדלונג.

## וואלוטעס זענען נישט זיכער-זיכער איז נאר אנ'אייגענטום
דעם 3-טען נאוועמבער ד. י. וועט פארקומען
## אליציטאציע
פון אייגענטום אויף שוו. יאקובא 8 היפ. 32 — פון 180 טויזענד זל. און. פאבריקס און וואוינונגס-לאקאלען
דער פלאץ איז געאייגנעט צום בויען.

## Dr. med. G. GERSZTAJN
ספעציאל-ארצט פאר אויגען-קראנקהייט
צוריקגעקעהרט
טראגוטא 12, טעל. 175-10.
נעהמט אן פון 11—1 און פון 7—8 אוו. 1754

## Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע
### אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9—1 פארמ.
בעזונדערע ווארטע-זאל פאר פרויען.

## Dr. med. W. Eychner
גינעקאלאג-אקושער
11 זגערזשער 11
טעלעפאן 134-72
נעמט אן פון 3—4 נאכמ.
פון 7 — 9 אוועגד.

# אנטי-יודישע סטודענטען-עקסצעסען אויפ'ן קראקאווער אוניווערזיטעט

## כוליגאנישע סטודענטען געוואלט זיך אריינרייסן אין יוד. קווארטאל

# געשלאסן דער קראקאווער אוניווערזיטעט

קראקא, 29. (יט"א טעלעפאניש). נעכטען זענען אין קראקויער אוניווערזיטעט אויסגעבראכען אנטי-יודישע עקסצעסען. קריסטליכע סטודענטען זענען בעפאלען די יודישע סטודענטען.

די אוואנטורע האט זיך אנגעהויבען אין מעדיצינישען פאקולטעט, וואו ס'זענען פארגעקומען קלענערע צוזאמענשטויסען צווישען די קריסטליכע און יודישע סטודענטען. שפעטער האבען זיך די צוזאמענשטויסען איבערגעטראגען אויך אויף די אנדערע פאקולטעטען. די קריסטליכע סטודענטען האבען גענומען ווארפען די יודישע סטודענטען.

היינט האבען זיך די געשלעגען ווידער איבערגעחזרט . א דעלעגאציע פון יודישע אקאדעמיקער איז דאן אוועק צום רעקטאר וועגען אנאינמערוועניק. אויפ'ן וועג איז די דעלעגאציע בעגעגענט געווארען פון א גרופע אנטיסעמיטישע סטודענטען און די דעלעגאטען נישט צוגעלאזען צום רעקטאר

קראקא, 29. (יט"א טעלעפאניש).

אין צוזאמענהאנג מיטט די אנטי-יודישע סטודענטען-עקסצעסען האט דער רעקטאר אפגעשטעלט די למודים. דער אוניווערזיטעט איז געשלאסען געווארען.

קראקא, 29. (יט"א טעלעפאניש).

היינט א גאנצען טאג קומען פאר מאניפעסטאציעס פון אנטיסעמיטישע סטודענטען. נאכמיטאג האבען זיך די כוליגאנישע סטודענטען געפרובט אריינרייסען אין יודישען קווארטאל. די יודישע גאסען זענען אפגעשלאסען פון דער פאליציי, וועלכע דערלאזט נישט די מאניפעסטאנטען אריינרייסען זיך אהין. ביי דער יודישער בעפעלקערונג איז א נערוועזע שטימונג. אויך די יודישע ארגאניזאציעס זענען בעוואכט פון גרויסע פאליציי-אפטיילונגען .

אין יודישען קווארטאל האבען די יודישע אקאדעמיקער איינגעארדנט א דעמאנסטראציע געגען די עקסצעסען מיט דער לאזונג: „איינשטעלען אן אלגעמיינע שטודיר-פרייהייט", און צו מאכען א סוף צו די כוליגאנישע עקסצעסען.

## נישט ארויסגעבן עקסמיסיעס אין די ווינטער חדשים

ווארשא, 29. (טעלעפאניש פון אונזער קאררעספאנדענט). אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער יהודישער סיים-קאמיסיע איז בעשלאסען געווארען צו ענדערען דעם לאקאטארען-שוץ-געזעץ אויף אזא אופן, אז די דירות פון די רעגירונגס-הייזער זאלען נישט קאנען גענוסען פון לאקאטארען-שוץ, די לאקאטארען וועלכע וואוינען דארט פון 1-טען אפריל 1924.

דעפ זאמערשטיין האט זיך ארויסגעזאגט געגען די דאזיגער ענדערונג.

עס איז אויך אנגענומען געווארען אין דער צווייטער לעזונג דער פארשלאג אין די ווינטער חדשים נישט אדורכצופיהרען קיין עקסמיסיעס, סיידען דער הויזווירט וועט בעזארגען דעם לאקאטאר מיט א געהעריגע דירה ערגעץ אנדערשוואו.

## קאנגרעס פון קולטור-אינסטיט. אין ווארשא

ווארשא, 29. (טעלעפאניש פון אונזער קאררעספאנדענט). דעם 30-טען אקטאבער און 1 נארוועמבער קומט פאר אין ווארשא דער קאנגרעס פון די קולטור-אינסטיטוציעס אין פוילען. וואס זענען אנגעשלאסען אין דער „געזעלשאפט אוועגד-קורסען פאר ארבייטער".

## קהלות-צוזאמענפאהר אין ווארשא

ווארשא, 29. (טעלעפאניש פון אונזער קאררעספאנדענט). זונטאג קומט פאר דער צוזאמענפאהר פון די קהלות פון פויצען וואיעוואדזטוועס.

עס וועלען בעטראכט ווערען א רייה אקטועלע קהלה-פראגען און די שטעלונג צום נייעם קהלהגעזעץ.

דער צוזאמענפאהר ווערט גערופען לויט דער איניציאטיווע פון ווארשאווער קהלה - פרעזעס מאזור.


## שטראם פון היכער פרעקווענץ!

(1 - 2 מיליאן) מיט ראד-שטראהלען

(ציילייס מעטאדע)

**Dr. med. J. Polak**

6-טער שצרפיען 22, טעל. 164-21


## צו די וואהלען אין ענגלישען פארלאמענט



דער זיגרייכער פיהרער פון די קאנסערוואטיווע סטענלי באלדווין — פרעמיער מאקדאנאלד — דער בעזיגטער פיהרער פון דער לייבאר-פארטיי הענדערסאן


## לאדזשער קאמעראל-טעאטער

אלעע 1-טער מאי נומער 2.

דירעקציע: דוד צעלמייסטער.

# ווילנער טרופע

XVI יאר

פירונג: מ. מזאה.

היינט, פרייטאג, 9.15 אוונט פרעמיערע (באנייונג)

לטובת דעם קוראטאריום ביי די שולן א. ב. פון וו. מעדעם

# „גרינע פעלדער"

פאלקסשטיק אין 3 אקטן פון פרץ הירשביין. — רעזשי-באנייונג — יעקב שיגאריז.

מארגן, שבת, 4 בייטאג צו ביליגע פרייזן פון 80 גר. ביז 2 זל. און שבת 9 אוונט

# גרינע פעלדער

## דער דאָקטאָר שלאָפט און דער קראַנקער ציילט

### אַ בילדעל אין דער קאַסע כאָריך

אין דער קראַנקען־קאַסע, האָט דער דאָקטאָר „געבאַדעט" דעם 18־טען פּאַציענט אין משך פון איין שעה. די אויגען האָבען זיך איהם געקלעפּט. דער קראַנקער האָט זיך אויסגעטון, דער דאָקטאָר האָט איהם צוגעלעגט ס'רעהרעל צו דער זייט, און איהם געהייסען ציילען: איינס, צוויי, דריי און אַזוי ווייטער.

ווען דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער געהערט דעם קראַנקען ציילען: ניינצעהן טויזענד, זיבען־הונדערט פיר און אַכציג. ניינצעהן טויזענד, זיבען הונדערט פינף און אַכציג...

## אַ לאַדזער חתן

חתן (צו דער כלה): איצט, מיין טייערע סאַלטשע, אין דעם מאָמענט ביזטו ביי מיר פיל טייערער געוואָרען.

כלה: מיט וויפיל, מיין טייערער מיטעק?

חתן: מיט גאַנצע 40 זל. — כ'האָב איצט בע־

—=:O:=—

# פילהאַרמאָניע

אין די נאָהענטסטע טעג קומט פאָר

## א פאַרלעזונג

פון אַ באַקאַנטען דענקער און פילאָזאָף, וועלכער וועט רעפערירען א. ד. ט.:

# „יודען גיטס כסף"!

טעזיסען: קאַנט און זיין בעציהונג צו צינג-מאַשכט. פאַוסט און פורישקעוויטש. ווער האָט ענטדעקט שיה-וואַקס? דער בעל שם טוב אלס סאָציאַל דעמאָקראַט. די פּסיכאָלאָגיע פון אַ שרייב-מאַשין. ר' סעדיה גאון אלס רעזשיסער. ווי דערקענט מען די פרוי שוואַנגערט? די גרעסטע גייסטער פון דער מענשהייט: ירבעם בן נבט, ובוכדנצר, פּוטיפרע, דירעקטאָר צעלמייסטער. ווי ווערט מען פטור פון אַ קאַטאַר?

בילעטען צוזאַמען מיט בילדער און אויטאָביאָגראַפיע פון פרעלעגענט צו בעקומען אין „קונדס".

## היינטיגע מיידלעך

### געשפרעך אין א וואַגאָן

אין וואַגאָן פאָהרען צוויי מיידלעך, פרעגט איינע די צווייטע:

— מיט וואָס „זיימאָיען" זי זיך?

— איך בין אַ ביוראַליסטקע, אַ מאַשין־שרייבערין — ענטפערט די צווייטע.

— וואָסע־רע פענסיע האָבען זי?

— 250 זל. אַ חודש.

— ס'איז נישט איבעריג, אָבער אַ הוט טראָגען זי אַב'עלעגאַנטען.

— יאָ, דאָס איז אַ פאַריזער מאָדעל, אַ רייזענדער פון אונזער פירמע, האָט מיר איהם געבראַכט פון פאַריז.

— נאָוו ס'פוטער? — „פיערוושאָזשענדנע" — די בייעסטעטע מאָדע.

— דאָס האָט מיר דער וויצע־דירעקטאָר געקויפט ביי זוסמאַנעקען (פיעטריק. 19), אַ פרעזענט צו מיינע אורזשינעס.

— און סאַ־ע פינעם פערפום זי נוצען!

— דאָס איז די בייעסטער ענגלישער פערפום, דאָס האָט מיר דער בוכהאַלטער געבראַכט פון לאָנדאָן. ער איז אַ זעלטען פיינער מענש.

— און מיט וואָס „זאימאָיען" זי זיך? — פרעגט די ביוראַליסטקע דער צווייטער.

— איך „זאַימאָיע" מיך מיט דעם איינציגען, וואָס זי, באָר איך בין נישט קיין מאַשין־שרייבערין — האָט די צווייטע געענטפערט.




## נידער מיט דער פאַלשער שפּאַרזאַמקייט

אין דייטשלאַנד ווערט איצט געפיהרט אַ פראָפּאַגאַנדע געגען פאַלשער שפּאָרזאַמקייט. די בילדער ווייזען: אויבען: ווען יעדער קויפט וואָס ער דאַרף — דאַן הערשט וואוילשטאַנד, אונטען: אַלע בעהאַלטען זייער געלד דאַן איז דאָס לעבען טויט.



## די אוניווערזיטעט אין גרייפסוואַלד

האָט איצט געפייערט דעם 475 יובילעי פון איהר עקזיסטענץ.

# דער קונדס

הומאָר • סאַטירע •

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק •

פרייטאָג, דעם 30 אָקטאָבער 1931 • ביילאַגע צום פרייטאָג־נומער 245

## דער „גאָלדענער" פלירט

### צווישען מאַריאַנא (פראַנקרייך) און אָנקעל סעם (אמעריקא)



דער פּרעמיער־מיניסטער ביריגער: פּערשט ענדיגונג איז גוט, אָבער פאַרוואָס גראָד אויף מיינע פּלייצעס?

(אוילפל. הומאָר.)



ריזען־טונעל אונטער אַ טייך
ביי אַנטווערפּען האָט מען אָנגעהויבען בויען אַ
גרויסען טונעל אונטער דעם טייך שעלדע

אונטען רעכטס: די ציווילע יאַפּאַנישע בעפעלקערונג
ענטלויפט פון די קריגס־ געביטען אין מאַנדזשוריען





גראַנדי, דער איטאַליענישער אויסערן־מיניסטער



גראַנר (מיט דער געהויבענער האַנד) פערלאָזט דעם
פּאַלאַץ פון פּרעזידענט הינדענבורג



סעזאָן פון ווינטער־ספּאָרט האָט זיך אָנגעהויבען- שניי אין די אַלפּען פון גאַרמיש־פּאַרטענקירכען.

די ברידער פראַנץ און טאָ־
ני שמיד, וועלכע זענען אַ־
רויף אויפ'ן שפּיץ באַרג פון



מאַטערהאָרן אין די אַלפּען. זיי
האָבען דערפאַר בעקומען דעם
דייטשען אַדלער - אָרדען.

איבונגען פון אַמעריקאַנישען לופט־פלאָט
די גרויס עלופט־שיף „לאָס אַנדזשעלעס" אין אַ
קינסטליכען נעפעל





רעכטס אויבען : הערצאָגין פון יאָרק שוויגערטאָכטער פון ענגלישען קעניג האָט בעקומען דעם דאָקטאָר־טיטל אין אָקספאָרדער אוניווערזיטעט

אינדערמיט : עקספערימענטען איבער דער שפּאַלטונג פון אַטאָם. אין רעהמעל דער אַמע ריקאַנער פּראָפעסאָר קוליזש וועלכער מאַכט עקספּערימענטען איבער דער שפּאַלטונג פון אַטאָם. די עקספּערימענטען האָבען אַ קאַלאָסאַלע וויסענשאַפטליכע בעדייטונג.



דער ענגלישער ריזען־אַעראָפּלאַן אויף וועלכען עס ווערט אונטערגענומען אַ רייזע אַרום דער וועלט אָהן איבעררייס. (אין רעמעל : די פּילאָטען סעיפעלד און בעט)





ראַדיאָ - בילד פון וואַשינגטאָן

פּרעמיער לאַוואַל מיט זיין טאָכטער (1 און 2 רעכטס) ביים פּרעזידענט הובער (לינקס פרוי הובער).



מאַנועל טעלעז

דער נייער פּרעזידענט פון מעקסיקאָ

פּי ליפּאָוויטש

דער פּוילישער באָטשאַפטער אין אַמעריקאַ צו זיין קאָנפליקט מיט סען. באָראַה





דאָס סאָוויעטישע אונטערוואַסער־שיפעל, וואָס איז אונטערגעגאַנגען ביי די ברעגעס פון פינלאַנד.





לינקס : חתונה פון אַ ענגלישער פּרינצעסין לעדי מערי קעמברידזש, די פּלימעניצע פון ענגלישען קעניג האָט חתונה געהאַט מיט'ן קאַפּיטאַן העררי סמיט.

אונטען : דער פּאַלאַץ פון לעצטען סולטאַן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו עס קומט פאָר די צווייטע באַלקאַן־קאָנפערענץ.



אַל קאַפּאָנע — דער קעניג פון די טשיקאַגער באַנדיטען איז פערמשפּט געוואָרען אויף עלף יאָהר טורמע





דער ביז־איצט געוועזענער כינעזישער אויסערן־מיניסטער זאָל אונטערהאַנדלען אין'ם יאַפּאַניש - כינעזישען קאָנפליקט.

